# קאַפּיטל פינף

5

1 וואָרום מיר ווייסן, אַז ווען דאָס געצעלט, אונזער
ערדיש הויז, וועט צעשטערט ווערן, האָבן מיר
אַ בנין פון ג־ט, אַ הויז, נישט מיט הענט געמאַכט,
2 אַן אייביקס, אין הימל. וואָרום אין דעם דאָזיקן
זיפצן מיר, בענקענדיק אָנגעקליידט צו ווערן מיט
3 אונזער וואוינונג, וואָס איז פון הימל; און אויב
מיר וועלן טאַקע אָנגעקליידט ווערן, וועלן מיר
4 נישט געפונען ווערן נאַקעטע. וואָרום מיר, וואָס
זענען אין דעם דאָזיקן געצעלט, זיפצן אונטער אַ
משא, ווייל מיר ווילן נישט ווערן אויסגעטון,
נאָר אָנגעטון כדי דאָס שטערבלעכע זאָל אייב־
5 געשלונגען ווערן פון דעם לעבן. און דער,
וועלכער האָט אונז צוגעגרייט דערצו, איז ג־ט,
וואָס האָט אונז אויך געגעבן דעם ערבון פון
6 דעם גייסט. דעריבער זענען מיר תמיד געטרייסט
און ווייסן, אַז כל־זמן מיר וואוינען אינם גוף, זענען
7 מיר נישט אינדערהיים ביי דעם האַר. ווייל מיר
8 וואַנדלען אין גלויבן, נישט אין זעען. מיר זענען
געטרייסט, און ווילן ליבער אויסוואַנדערן פון דעם גוף
9 און זיין אינדערהיים ביים האַר. דערפאַר שטרעבן
מיר אויך, צי מיר זענען אינדערהיים צי מיר זענען
ווייט, צו זיין וואוילגעפעלן פאַר אים. וואָרום מיר
10 אַלע מוזן דערשיינען פאַר משיחס כסא־המשפט,
כדי יעדער איינער זאָל באַקומען דאָס, וואָס ער
האָט געטון אין דעם גוף, גוטס אָדער שלעכטס.
11 דעריבער, ווייסנדיק פון דער מורא פאַר דעם
האַר, זוכן מיר איבערצוצייגן מענטשן, פאַר ג־ט
אָבער זענען מיר אַנטפּלעקט; און איך האָף, אַז